# עונג שבת

## פרשת משפטים תשס"ח

גוט שבת אלע אידן. זאגט די משנה, "ולא המדרש הוא העקר, אלא המעשה..." (אבות א,יז) פשטות מיינט עס אז לערנען די הייליגע תורה איז זיכער חשוב, אבער מקיים זיין די תורה איז נאך מער חשוב. יעצט ווען מיר ליינען די ווערטער אין די פרשה "נעשה ונשמע" ביים קבלת התורה, לאמיר זיך מחזק זיין אין דעם ענייו פון מקיים זיין למעשה די תורה וואס מען לערנט, בפרט די מצוות "בין אדם לחברו," וואס די היינטיגע פרשה איז פיל דערמיט.

דער רש"ש רב שמואל שטארשון פון ווילנא ז"ל, וואס איז נסתלק בערך 120 יאר צוריק, איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, און א גרויסער גביר אויך. וויבאלד דער רש"ש ז"ל איז געווען א גרויסער גביר האט ער געעפענט א גמ"ח.

איין טאג איז געקומען צו דעם רש"ש א פשוט'ער שניידער וואס האט געהייסן ר' זלמן. ר' זלמן האט דערציילט פאר'ן רש"ש וועגן זיין גרויסע חובות וועלכע ער האט פארמאגט. און דער רש"ש האט מסכים געווען צו בארגן פאר אים דריי הונדערט רובל. דער רש"ש האט אראפגעשריבן דעם סכום אין זיין ביכל. דערנאך, האט ר' זלמן געדארפט דאס צוריקבאצאלן א יאר שפעטער.

אינ'ם זעלבן טאג, איין יאר שפעטער, איז ר' זלמן געקומען צו דעם רש"ש צו אפצאלן דעם חוב. דער רש"ש האט געהאלטן מיטן א טיפע סוגיה, און ער האט נישט געוואלט ווערן געשטערט פון לערנען. אבער, ר' זלמן איז געווען גאר אן ערליכער איד און ער האט געוואלט אפצאלן דעם חוב, אפילו ער וועט דארפן שטערן דעם צדיק מיט'ן לערנען. וועגן דעם איז ר' זלמן אריינגעקומען אין שטוב פונעם רש"ש. ר' זלמן האט איבערגעבעטן דעם רש"ש פאר'ן שטערן זיין לערנען, און ער האט אים איבערגעגעבן די 300 רובל.

דער רש"ש האט איבערגענומען דעם געלט פון ר' זלמן. און עס אריינגעלעגט אינ'ם ספר ביים דעקל כדי נישט צו מפסיק זיין אינמיטן לערנען. ער האט געמיינט אז שפעטער נאכן לערנען וועט ער ארויסנעמען דעם געלט און אראפשרייבן אין זיין ביכל אז ר' זלמן האט באצאלט. ער האט ווייטער געלערנט א גאנצע טאג. ווען ער האט געענדיגט לערנען, האט ער צוריקגעלייגט די ספרים אין דעם ספרים שאנק, אזוי ווי עס קומט צו טון. צווישן די ספרים וועלכע ער האט צוריקגעלייגט איז געווען דאס ספר מיט דעם געלט וואס ר' זלמן האט צוריקגעברענגט.

אפאר וואכן שפעטער, דער רש"ש איז געווען אין דעם אפיס פון גמ"ח, און ער האט דורכגעקוקט זיין ביכל. ער האט באמערקט אז ר' זלמן'ס חוב איז נאכנישט אפגעצאלט געווארן. דאן האט ער געלאזט רופן ר' זלמן כדי צו פרעגן וועגן דעם חוב.

פארשטייט זיך אז ר' זלמן האט געטענ'עט אז ער האט צוריקבאצאלט דעם חוב אינ'ם טאג וואס ער האט געדארפט. אבער, אזוי ווי עס זענען נישט געווען קיין עדים וועלכע האבן געזען אז ר' זלמן האט איבערגעגעבן דעם געלט, און אויך דער רש"ש האט נישט געדענקט אז ר' זלמן האט אים צוריקבאצאלט, זענען זיי באין ברירה געגאנגען צו א דין תורה.

די אידן פון שטאט זענען געווארן איבערראשט. וואס הייסט, דער פשוט'ער שניידער וועט זיך קעגענשטעלן ביי א דין תורה מיטן גרויסען תלמיד חכם דער רש"ש! מענטשן זענען אפילו געווארן אין כעס אויפ'ן שניידער ר' זלמן אז ער וויל טון אזא חוצפה, אזוי ווייט אז דער עולם האט אנגעהויבן צו רעדן לשון הרע אויף ר' זלמן, רח"ל.

דער בית דין האט אויסגעהערט ביידע זייטן. וויבאלד דאס איז געווען א חוב, און עס איז געווען איין איד'ס טענה קעגען אן אנדערן איד'ס טענה, האט דער בית דין געזאגט אז ר' זלמן דארף שווערן אז ער האט טאקע אפגעצאלט דעם חוב. דער רש"ש האט אבער נישט געוואלט אז ר' זלמן זאל שווערן, צוליב דעם הארבקייט פון שווערן. וועגן דעם האט דער רש"ש מוחל געווען ר' זלמן.

אבער כאטש דער רש"ש האט מוחל געווען דעם חוב, איז ר' זלמן'ס נאמען שטארק פארשמירט געווארן. די אידן פון יענע שטאט האבן אויפגעהערט צו גיין צו אים, און ער האט פארלוירן זיין גאנצע פרנסה. נאך מער, דער עולם האט חוזק געמאכט פון אים און ער האט געהאט דערפון גרויס צער. באלד דערנאך האט ער אפגעלאזט זיין געשעפט און ער איז געגאנגען מיט זיין משפחה וואוינען אין אן אנדערען שטאט. פארשטייט זיך אז ער איז געווען שטארק צובראכן.

איין יאר שפעטער, האט דער רש"ש געלערנט אין די זעלבע סוגיה וואס ער האט געלערנט דעמאלט ווען ר' זלמן איז געקומען אפצוצאלן דעם חוב. ער האט ארויסגענעמן דעם ספר וואס ער האט געלערנט דעמאלט. ווען ער האט געעפענט דעם ספר, האט ער געטראפן א גרויסע סומע געלט אינעם דעקל. פאר א מינוט איז ער געווען צומישט. ער האט נישט געוואוסט פון וואו דער געלט איז געקומען. דאן האט ער זיך דערמאנט אז דאס איז געווען דער געלט וואס ר' זלמן האט צוריקבאצאלט!

דער רש"ש איז שנעל ארויסגעלאפן פון זיין הויז, און איז געגאנגען זוכן ר' זלמן. ער האט געזוכט ר' זלמן ביי זיין ארבעטספלאץ און ביי זיין הויז, אבער ער איז נישט געווען צו טרעפן. דער רש"ש האט נישט געהאט קיין מנוחה ביז ער האט סוף כל סוף געטראפן ר' זלמן וואס האט יעצט געוואוינט אין א קליינעם שמוציגן שטוב ערגעץ ווייט פונעם שטאט.

"ביטע, זייט מיך מוחל," האט דער רש"ש געזאגט פאר ר' זלמן מיט טרערן אין זיין אויגן.

"וואס קען מחילה העלפן?" האט ר' זלמן געזאגט מיט א ביטערקייט. "איך האב פארלוירן מיין פרנסה, איך האב גארנישט, און דער עולם לאכט פון מיר..."

"איך גיי דיר צוריקגעבן דעם געלט," האט דער רש"ש אנגעהויבן צו זאגן. "נישט נאר דאס, אבער איך גיי ארומגיין צו יעדן בית מדרש אין שטאט, וואו איך וועל אויסרופן ביים בימה אז עס איז געווען מיין טעות, און דער עולם זאל זיך פירן זיך מיט כבוד קעגן דיך אזוי ווי אמאל."

"ניין," האט ר' זלמן געזאגט מיט א טרויעגקייט, "מענטשן וועלן זאגן אז דער רש"ש איז א צדיק, און ער טוט עס אלס חסד. זיי וועלן קיינמאל נישט גלייבן אז איך בין טאקע געווען גערעכט." דער רש"ש איז געווארן פארזארגט. ווייל ער האט גאנץ גוט פארשטאנען די טבע פון מענטשן, און ער איז מסכים געווען מיט ר' זלמן, אז דער עולם וועט נישט גלייבן אז ר' זלמן איז געווען א גוטער מענטש.

דער רש"ש האט געטראכט אפאר סעקונדעס ווי אזוי ער וועט קענען פאררעכטען די עוולה. דאן האט ער געזאגט, "איך האב א טאכטער... יעצט, לאמיר זאגן אז איך וועל נעמען דיין זון אלס איידם, דו וועסט ווערן מיין מחותן, דאן וועט קיינער נישט האבן קיין ספק אז דו ביסט אן ערליכער איד." ר' זלמן האט מסכים געווען צו דעם שידוך. און ר' זלמן איז צוריקגעקומען צו זיין אלטע שטעלע אין דער קהילה!

זאגט דער בעל משנה ברורה אין זיין הקדמה, אין די נאמען פון דעם ש"ך (יו"ד סי' רמ"ו) אז "...מכל מקום עיקר לימוד האדם צריך להיות בלימוד המביא לידי מעשה..." דער עיקר פון לימוד התורה איז צו צוברענגען א איד אז ער זאל זיך פירן ווי עס דארף צו זיין לויט די הייליגע תורה. דער לימוד איז נישט קיין חידוש. אבער, עס איז אן ענין וואס דארפט א כסדר'דיגע חזרה.

**יעצט אז מיר שטייען "לבוד" צום יערליכען דינער פון אונזערע חשובען מוסד "מרכז הכוללים" איז כדאי דא צו זאגן אפאר ווערטער צו מחזק זיין דעם טייערען ציבור אין דעם עניין. פאר אלע וואס האבן אזוי ווארעם אנגערופן, קומט זיי א "יישר כחכם," און פאר די פאר אידן וואס האבן נאך נישט געגעבן, עס קומט זיי יעצט א דערמאנונג וועגן דעם וויכטיגקייט פונעם צוועק. עס שטייט: "אם אין תורה, אין קמח" זאגט דער הייליגער מהר"ל זי"ע אז תורה איז די פרנסה פון דער נפש, און טאמער עס פעלט תורה ח"ו, דעמאלט וועט אלע "קמח"-ד"ה געלט נישט העלפן... דער מענטש וועט נישט זיין א גאנץ! איז טאמער מען וויל זיין א "מושלם" מוז מען "משלם!" גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת נכדו לבנו הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א

מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף בייער הי"ו לרגל שמחת אירוסי בתו בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים • לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)